Charter Revision Commission

**מעלדונג וועגן זיצונג**

**פובליק אינפוט סעסיעס איבערן שטאט**

**צייטן און פלעצער:**

**מאנטאג, מאי 19, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Medgar Evers College
Founders Auditorium
(אריינגאנג דורך Crown Street)
1650 Bedford Avenue
Brooklyn, NY 11225

**מיטוואך, מאי 28, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Queens Borough Hall
Helen Marshall Cultural Center
120-55 Queens Boulevard
Queens, NY 11415

**דינסטאג, יוני 10, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Eugenio Maria de Hostos Community College (CUNY)
Café
C Building / East Academic Complex
450 Grand Concourse, 3rd Floor
Bronx, NY 10451

**מאנטאג, יוני 23, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Snug Harbor Cultural Center
The Great Hall
1000 Richmond Terrace, Building R
Staten Island, NY 10301

**מאנטאג, יולי 7, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Schomburg Center for Research in Black Culture
Langston Hughes Auditorium
515 Malcolm X Boulevard
New York, NY 10037

**אָנליין לעקאציע:** זעט דעם לינק צו דער זום זיצונג אויף www.nyc.gov/charter.

**מעלדונג איבער פובליק אינפוט סעסיעס**

די ניו יארק סיטי קאמיסיע פאר טשארטער רעוויזיע (The New York City Charter Revision Commission, "CRC") וועט האלטן פובליק אינפוט סעסיעס אין אלע פינף בעראוס צו ארומרעדן פארגעשלאגענע ענדערונגען צו דעם ניו יארק סיטי טשארטער. די CRC איז באפולמעכטיגט צו באטראכטן רעוויזיעס צום טשארטער כדי זיי פארצושטעלן פאר די וואס נעמען אנטייל אין די אלגעמיינע וואלן פון נאוועמבער 4, 2025, אדער ביי אן אנדער באשטימטע דאטום פאר וואלן לויט'ן געזעץ.

**<u>איבער וואס זענען די פובליק אינפוט סעסיעס?</u>**

דער טשארטער שטעלט אוועק דעם געבוי פון סיטי הערשאפט און שטעלט אויס די הויפט קרעפטן פון אויסגעוועלטע סיטי באאמטע און אגענטורן. נאכן איבערקוקן דעם גאנצן טשארטער, קען די CRC רעקאמענדירן ענדערונגען וואס זענען געאייגנט צו העלפן די סיטי הערשאפט ארבעטן מער ווירקזאם עס זאל קענען געבן בעסערע סערוויס פאר אלע מענטשן אין ניו יארק.

די פובליקום ווערט גערופן צו הערן פון מומחים, געבן עדות וועגן יעדע ענין וואס איז וויכטיג פאר די סיטי הערשאפט, און פארלייגן ענדערונגען צום טשארטער. איר קענט אויסגעפינען מער וועגן די ניו יארק סיטי קאמיסיע פאר טשארטער רעוויזיע דורך באזוכן אונדזער וועבזייטל: [www.nyc.gov/charter](www.nyc.gov/charter).

**<u>ווער קען געבן אינפוט?</u>**

**די זיצונגען זענען אָפן פארן פובליקום, וואס וועלן האבן דאס געלעגנהייט צו געבן עדות פאר די מיטגלידער פון דער CRC.** יעדער מיטגליד פון די פובליקום קען איבערגעבן זייערע געדאנקען פארן פארבעסערן דעם סיטי טשארטער במשך ביז דריי (3) מינוט. די CRC וועט אויסהערן די עדות פון מענטשן וואס באטייליגן זיך פערזענלעך אינעם זיצונג און פון מענטשן וואס באטייליגן זיך דורך זום. די CRC וועט ערשט אויסהערן עדות פון אינדיווידועלן וואס ערשיינען פערזענלעך איידער דאס אויסהערן עדות פון די וואס באטייליגן זיך דורך זום. א גרופע, ארגאניזאציע אדער אינסטיטוציע וואס ווילן געבן עדות זאלן דאס טוהן דורך אן איינציג באשטימטער פארשטייער. ניו יארקערס פון סיי וועלכע פון די פינף בעראוס קענען זאגן עדות. די CRC וועט זיך באמיען צו אויפנעמען יעדער וואס האט זיך איינגעשריבן צו רעדן ביי דעם פארהער, אבער אויב די צייט וועט נישט ערלויבן צו אויסהערן אלע עדות'שאפט, זאל די פובליקום נוצן אנדערע געלעגנהייטן צו געבן עדות, אריינגערעכנט זאגן עדות ביי נאכפאלגנדע פובליק אינפוט סעסיעס פון דער CRC אדער דורך אריינגעבן שריפטליכע עדות צו [CharterTestimony@citycharter.nyc.gov](mailto:CharterTestimony@citycharter.nyc.gov).

**<u>וויאזוי געב איך אריין שריפטליכע עדות?</u>**

די פובליקום מעג אריינגעבן שריפטליכע עדות צו [CharterTestimony@citycharter.nyc.gov](mailto:CharterTestimony@citycharter.nyc.gov) אנשטאט אדער אין צוגאב צו געבן לעבעדיגע עדות ביי א פארהער.

**<u>ווען און ווו זענען די פארהערן?</u>**

די טירן זענען אָפן צום פובליקום, און יעדער אינפוט סעסיע איז צוגאנגלעך אנליין דורך די זום לינק וואס געפינט זיך אויף [www.nyc.gov/charter](www.nyc.gov/charter), ביי די פאלגנדע דאטומען, צייטן, און פלעצער:

**מאנטאג, מאי 19, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Medgar Evers College
Founders Auditorium
(ארייננגאנג דורך Crown Street)
1650 Bedford Avenue
Brooklyn, NY 11225

**מיטוואך, מאי 28, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Queens Borough Hall
Helen Marshall Cultural Center
120-55 Queens Boulevard
Queens, NY 11415

**דינסטאג, יוני 10, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Eugenio Maria de Hostos Community College (CUNY)
Café
C Building / East Academic Complex
450 Grand Concourse, 3rd Floor
Bronx, NY 10451

**מאנטאג, יוני 23, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Snug Harbor Cultural Center
The Great Hall
1000 Richmond Terrace, Building R
Staten Island, NY 10301

**מאנטאג, יולי 7, 2025, פון 5:00 נאכמיטאג ביז 8:00 אווענט**
Schomburg Center for Research in Black Culture
Langston Hughes Auditorium
515 Malcolm X Boulevard
New York, NY 10037

דער פובליקום קען זיך צושליסן צום זיצונג דורך די זום לינק וואס געפינט זיך אויף www.nyc.gov/charter אין דער זעלבע צייט.

**וואס טו איך אויב איך דארף הילף צו זען אדער צו געבן עדות ביי דער זיצונג?**

אמעריקאנער צייכן-לשון און איבערזעצונג צו שפאניש וועט זיין צוגעשטעלט אנליין און אויפן פלאץ. ביטע פארלאנגט שפראך איבערזעצונג און/אדער אנדערע בקשות פאר צוגאנגליכקייט כאטש 48 שעות איידער די זיצונג ביי וועלכע איר פלאנט צו זיין הויבט זיך אן דורכן שיקן אן אימעיל צו CharterInfo@citycharter.nyc.gov אדער דורכן רופן 212-788-0014 און איבערלאזן א מעלדונג. אלע פארלאנגען וועלן באהאנדלט ווערן ווי ווייט מעגליך.